שנה ד'
גליון ע"ו

פקודי-ויקרא
תשפ"ה לפ"ק

בעזהשי"ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

גליון פנימי לאנ"ש חסידי פאפא • י"ל ע"י 'מערכת פאפא'

**מדור שיחות קודש —— א**

בתוכן:

ימות המשיח / **עבודת הצנע לכת** / מנהג נתינת מורה שעות לחתן / **לחיות עם פרשת השבוע** / ניצול הזמן / **גדולת הקול ארי'** / גדולת הגה"ק משימלויא / **מלחמת הגה"ק הצעהלים באמריקה למען מציצה בפה** / התרת הוראה של הרב משימלויא למרן ז"ל / **חסד הוא יסוד שלשה עמודי עולם** / מרן הערוגת הבשם בדרכי אברהם אבינו / **התקרבות מרן הערוה"ב לתלמידי בעש"ט** / הכנה לשמחה / **כל ברכאן ביומא שביעאה תליין** / הנהגת הבורא בדרכי טבע / **ועוד**

**מדור דברות קודש —— יג**

בתוכן:

עולה השרף באילנות / **ממלכת כהנים וגוי קדוש** / תורה עם יראת שמים / **עז פנים לגיהנום** / והריחו ביראת ה' / **לימוד מכל דבר גשמי** / מהלך הרצוי לכל הנהגות המקום / **יופי של הביהמ"ד** / לך כנוס את כל היהודים / **מחיית עמלק** / ברכות ונחת לרוב / **ועוד**

**מדור חסידים דערציילן – כג**

ורפא ירפא / **בחור'ישע חידושים** / ורוממנו מכל לשון / **יום החופה** / לפניו נעבוד ביראה / **נסיעת אבי הכלה לאויפרוף**

שיחת קודש בעת ביקור המחותן **כ"ק האדמו"ר מבורשטין שליט"א** בקודש פנימה אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אחר **שמחת התנאים בחצר הקודש לבת הרה"צ רבי לוי יצחק שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו ב"פ עם החתן פרע"ח הרב יושע שליט"א בן הרה"ג ר' ישכר דוב כ"ץ שליט"א**

**מוצאי שב"ק וישלח תשפ"ה לפ"ק**

**האדמו"ר מבורשטין:** ביים שידוך פון זידיטשוב און בעלזא[א], האט דער מיטעלער בעלזער רב כ"ק מרן מהר"י זי"ע נאכגעזאגט פאר הרה"ק רבי אייזיקל מזידיטשוב זי"ע פון זיין פאטער כ"ק מרן מהר"ש מבעלזא זי"ע, אז אזויווי ווען ס'איז געווען די אויפשטאנד אין פוילן קעגן די פריצים, איז יעדע פריץ אנטלאפן צו זיין מאשקע, כאטש פריער איז דער פריץ געווען א גרויסער בעל הבית אויף אים, אבער יעצט איז ער אנטלאפן צו זיין מאשקע און געזאגט, "איד! פארשטעק מיר!" אזוי אויך ווען משיח וועט קומען וועלן די רבי'ס גיין צו די בעלי בתים און זאגן, "פארשטעק מיר!"...

האט ר' אייזיקל זידיטשויבער געזאגט, "אודאי! ס'שטייט דאך אין פסוק (ישעי' ב, יט) ובאו במערות צרים ובמחלות מפני פחד ה' ומהדר גאונו". דאס הייסט אז מ'וועט זיך וועלן פארשטעקן מפני פחד ה'.

**מרן שליט"א:** אין דעם ליגט די ווארט פון הרה"ק דער יוד הק' מפרשיסחא זי"ע וואס ער האט געזאגט, ווען משיח וועט קומען וועל איך מיר באהאלטן און קומען שפעטער, וועט דאך משיח אודאי פרעגן, "וואו זענט איר געווען ביז יעצט?" וועל איך אים צוריקפרעגן, "און וואו זענט איר געווען ביז יעצט?"...

---

**א.** כ"ק מרן מהר"י מבעלזא זי"ע שידך את בנו הרה"ק רבי נפתלי זצ"ל עם הרבנית הצדיקת שרה ע"ה בת הרה"ק רבי אליהו מזידיטשויב זי"ע בנו ולימים ממלא מקומו של הרה"ק רבי אייזיקל מזידיטשויב זי"ע.

די באהאלטן קען זיין אויף אפאר אופנים, ס'קען זיין בפשטות אז מ'וועט זיך שעמען, און ס'קען זיין אז די באהאלטנקייט איז אויך א חלק פון די גדלות, אז דאס אליין איז א מדריגה אין עבודת ה', ווי העכער מ'איז, וועט מען זיך באהאלטן נאכמער.

ס'איז א בחינה פון והצנע לכת עם אלקיך (מיכה ו, ח), ווי הרה"ק דער רבי ר' אלימלך זי"ע טייטשט (ליקוטי שושנה ד"ה הצנע) אז ס'דארף זיין הצנע בתוך הצנע, אז מ'דארף זיין באהאלטן אויך פון זיך אליין, מ'זאל אליין נישט וויסן די מעשים.

ס'איז ידוע אז ווען הרה"ק רבי מאטעלע טשערנאבילער זי"ע איז נסתלק געווארן האבן אלע קינדער געגומען מדריגות, אבער הרה"ק רבי יוחנן מרחמיסטריווקא זי"ע איז געבליבן מיט גארנישט, און דער 'גארנישט' האט ער גענומען... די מדריגה האט ער גענומען.

**האדמו"ר מבורשטין**: מ'זאגט אז ר' יוחנן מרחמיסטריווקא האט געזאגט אז אויך דער 'גארנישט' איז שוין נישט איבערגעבליבן ווייל דער ברודער הרה"ק רבי משה מקאריסטשוב זי"ע האט עס שוין גענומען, דערפאר איז פאר אים געבליבן די 'גאר-גארנישט'...

כ"ק האדמו"ר מרחמיסטריווקא זצ"ל האט דערציילט אז ווען הרה"ק רבי ר' ברוכ'ל ממעזיבוז זי"ע האט זיך משדך


קול רנה וישועה באהלי צדיקים

פאפא

בקידה ובהשתחויה מול פני הקודש נשגר בזה ברכת מזל טוב מעומק לבבינו, מול פני המנורה הטהורה, בוצינא קדישא, עמוד האש ההולך לפני המחנה, עטרת תפארת ישראל, אבינו רוענו

כבוד קדושת מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

לרגל השמחה השרויה במעון הקודש

בהולדת הנינה למזל טוב בת אצל נכדו הרב **אהרן פריעדמאן** שליט"א חתן הרה"צ **רבי מאיר** שליט"א דומ"ץ קהלתנו

ברכת מזל טוב להסבים הגה"צ **ר"י באבוב** שליט"א, הגה"צ **רב דביהמ"ד סאטמאר-העריסאן** שליט"א

ואנו תפלה שמשמחת בית צדיקים זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל, וירוה כ"ק מרן שליט"א רוב תענוג ונחת מכל יוצ"ח, ונזכה עוד רבות בשנים לחסות בצל הקודש, עדי נזכה שהוא יוליכנו קוממיות לארצנו, בב"א.


## לוח השבוע

פרשת **פקודי** תשפ"ה

והגית טעלעפאן סיסטעם 718-977-5555

| | מסכת סוטה – סדר א' - עמוד ליום: שיעור היום | חזרת החודש | מסכת זבחים – סדר ב' - דף ליום: שיעור היום | חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג | מג. | לג: | עז | ס |
| מאנטאג | מג: | לד. | עח | סא |
| דינסטאג | מד. | לד: | עט | סב |
| מיטוואך | מד: | לה. | פ | סג |
| דאנערשטאג | מה. | לה: | חזרה | |

**הבחינה הבא:**
זונטאג ויקרא
א' ניסן, תשפ"ה
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' סוטה לו. – מ"ה.
חזרה בחינה
מס' סוטה כו. – ל"ה:
~~~~~~~
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' זבחים דף ס"ד – פ'
חזרה בחינה
מס' זבחים דף מ"ו – ס"ג

## לוח השבוע

פרשת **ויקרא** תשפ"ה

והגית טעלעפאן סיסטעם 718-977-5555

| | מסכת סוטה – סדר א' - עמוד ליום: שיעור היום | חזרת החודש | מסכת זבחים – סדר ב' - דף ליום: שיעור היום | חזרת החודש |
|---|---|---|---|---|
| זונטאג (יום הבחינה) | מה: | לו. | בחינה | |
| מאנטאג | מו. | לו: | פא | סד |
| דינסטאג | מו: | לז. | פב | סה |
| מיטוואך | מז. | לז: | פג | סו |
| דאנערשטאג | מז: | לח. | פד | סז |

**הבחינה הבא:**
זונטאג תזו"מ
כ"ט ניסן, תשפ"ה
סדר א' - עמוד ליום
בחינה
מס' סוטה מ"ה: – מס' גיטין
חזרה בחינה
מס' סוטה לו. – מ"ה.
~~~~~~~
סדר ב' - דף ליום
בחינה
מס' זבחים דף פ"א – צ"ד
חזרה בחינה
מס' זבחים דף ס"ד – ע"ו

געווען מיט'ן טשערנאבילער מגיד[ב], האט דער רבי ר' ברוכ'ל ביי אלע שבע ברכות'ן געבענטשט און גזאגט אלע שבע ברכות, ביי די לעצטע שבע ברכות ווען מ'האט אנגעגאסן די כוס, האט ר' משה קאריסטשובער אנגעהאלטן די כוס און געזאגט, "מיין טאטע איז אויך א מחותן"... און ער האט געגעבן דעם כוס פאר'ן טשערנאבילער מגיד.

האט הרה"ק רבי אהרן טשערנאבילער זי"ע געזאגט, אז דער ברודער ר' משה האט דאס געקענט טון, ווייל ער איז געווען גארנישט ביי זיך, האט ער נישט געדארפט מורא האבן.

*

**הרה"צ רבי לוי יצחק שליט"א מסר להחתן מתנה 'מורה שעות' כנהוג.**

**המחותן הרה"ג ר' ישכר דוב כ"ץ שליט"א**: מ'געבעט דאך א זייגער צו דערמאנען אז די צייט איז טייער.

**מרן שליט"א**: נאך א רמז איז דא, אז מ'דארף האבן שכל, פונקט ווי א זייגער מאכער דארף זיך אויסקענען אין די אלע קליינע שרייפלעך אינעם זייגער, דאס זעלבע דארף מען וויסן אז כדי צו אויסנוצן די צייט דארף מען האבן די קאפ אויפ'ן פלאץ, דאס גייט נישט פון זיך אליין.

צדיקים האבן געהאט ענינים אין די זמנים, מ'זעט אין ספרי תלמידי בעל שם ווי זיי האבן אין יעדע זמן אריינגעלייגט, מ'מאכט אן עסק פון די ימים טובים, פון יעדע זמן נעמט מען ארויס דערפון פול מיט זאכן. ביז חנוכה קען מען ממשיך זיין די הייליגע טעג וכדומה, זעט זיך אויס אז צדיקים האבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות אין די זמנים.

**האדמו"ר מבורשטין**: דבר בעתו מה טוב.

**מרן שליט"א**: אין ליובאוויטש זאגן זיי, "מ'דארף לעבן מיט די צייט!" וואס מיינט מען דערמיט? אז מ'דארף שטענדיג לעבן מיט די פרשה פון די וואך[ג].

**הגרי"ד כ"ץ**: ס'איז דא א בריוו וואס הגה"ק רבי משה לייב כ"ץ זצ"ל הי"ד האט געשריבן צו זיין שווער כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע ווען ער איז געווען א חתן, דארט ברענגט ער א טעם פארוואס מ'געבט א זייגער[ד].

**האדמו"ר מבורשטין**: מ'געבט א גאלדענע זייגער ווייל די צייט איז גאלד. ס'איז דאך ידוע פון הגה"ק מרן החתם סופר זי"ע וואס ער האט געזען ווי מענטשן פארברענגען אין קור-ארט, האט ער געפרעגט וואס זיי טוען דארט, האט מען אים געזאגט אז זיי טוען טרייבן די צייט, האט דער חתם סופר געזאגט, "פארטרייבט די צייט צו מיר, איך דארף דאס האבן"...

**מרן שליט"א**: כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע האט געזאגט אז ער האלט אז ווען מ'גייט צו א רב רעדן צו אים, צי אויף א וויזיט צי אויף רעדן עפעס אן ענין, זאל מען נישט לאנג זיצן ביי אים, ווייל געווענליך האלט מען אים אויף; און טאמער מ'האלט אים נישט אויף, דארף מען אודאי נישט זיצן ביי אים...

דער ערוגת הבשם איז אמאל אריינגעקומען אין בית המדרש און ער האט געזען א קבוצה בחורים וואס זענען געשטאנען אין א קרעמל און געשמועסט, האט דער ערוגת הבשם געזאגט, "קומט ארייַן צו מיר, איך וועל ענק בארגן ירושלמי'ס"... האבן די בחורים געפרעגט, "וואס מיינט דער רבי דערמיט?" האט דער ערוגת הבשם געזאגט, "איך זע אז איר האט אסאך צייט, מסתמא האט איר שוין געענדיגט בבלי, קען איך אייך פארבארגן ירושלמי"...

**האדמו"ר מבורשטין**: מ'זאגט טאקע אויף הגה"ק הקול ארי זי"ע א זיידע פונעם חתן, אז ער איז דאך געפארן קיין צאנז צו הרה"ק מצאנז זי"ע, ער האט שטארק געקאכט אין צאנז. אמאל איז ער געזעסן מיט די תלמידים און געשמועסט מעשיות פון צאנז, און די רביצין האט געהערט, האט זי געפרעגט וואס מ'טוט דארט, האט מען איר געזאגט אז מ'רעדט מעשיות פון צאנז, האט די רביצין געזאגט פאר'ן קול ארי, "זיץ און לערן, וועט מען פון דיר דערציילן מעשיות"...

---

**ב.** הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זי"ע שידך את בתו עם הרה"ק רבי יחיאל מיכל מיאמפאלע זי"ע בן הרה"ק רבי יצחק מיאמפאלע זי"ע חתן הרה"ק רבי ברוך ממעזיבוז זי"ע.

**ג.** כך הוא פתגם המקובל אצל חסידי ליובאוויטש בשם הרה"ק הבעל התניא זי"ע שצריכים לחיות עם הזמן, והיינו עם פרשת השבוע, ללמוד ממנה ולהוציא ממנה הוראות החיים במשך השבוע.

**ד.** בויגד משה עניני נישואין (סימן ג) מביא טעם על מה שנוהגין שהכלה נותנת מתנה להחתן כלי מורה שעות כנהוג, י"ל על פי מה שכתב בספר קול יעקב שאין דבר מזכיר יום המיתה כמו כלי מורה שעות, כי כל דקה ורגע החולפת ועוברת לא תשוב עוד, ואפילו אם יחיה איש אלף שנים, עם כל זה כל רגע אשר חלף ועבר מתקרב האדם אל המות, עיי"ש באריכות. ועל כן כשנושא אשה הרי אמרו חז"ל בסוכה (נב.) א"ק יש באדם וכו', על כן צריך תחבולות יותר לבטל את היצר הרע ולהכניעו, לכן נותנת לו הכלה כלי מורה שעות.

**הרה"צ רבי לוי יצחק**: ס'ווערט טאקע יעצט מקויים וואס די רביצין האט געזאגט... מ'דערציילט טאקע מעשיות פונעם קול ארי'.

**האדמו"ר מבורשטין**: צאנזער רב האט געזאגט אויפ'ן קול ארי' שבועות נאכ'ן פלפול, אז נאר ער האט פארשטאנען די פשעטל.

**מרן שליט"א**: מ'האט פריער געזאגט (אצל מסיבת התנאים) אז מ'האט געזאגט אויפ'ן קול ארי' אז ער איז דער ווילנער גאון פון אונגארן.

ענליך צו דעם האט מען געזאגט אויף הגה"ק דער שימלויער רב זצוק"ל. דאס איז געווען בימים ההם גאנץ אנפאנג ווען הגה"ק צעהלימער רב זצוק"ל איז געווען אין אמעריקא, איז נאכנישט געווען אזויווי היינט און מ'האט נישט אהיימגעלאזט די קימפעטארינ'ס נאך צוויי-דריי טעג, און מ'האט געדארפט מאכן די ברית אין שפיטאל, אבער מ'האט נישט געקענט מאכן קיין מציצה בפה, האט צעהלימער רב גע'פסק'נט אז מ'זאל ענדערש מאכן די ברית שלא בזמנה כדי צו קענען מאכן מציצה בפה.

אין די אגודת הרבנים אין אמעריקא האט זיך געטון קריטיק אויף דעם וואס צעהלימער רב האט גע'פסק'נט, און זיי האבן געזאגט אז זיי האבן געפרעגט די שאלה פון הגאון רבי חיים עוזר זצ"ל, האט צעהלימער רב שפעטער געזאגט, "איך דארף דאס נישט פרעגן פון ר' חיים עוזר, איך וועל דאס פרעגן פונעם שימלויער רב"...[ה] און ער האט

**ה.** ראה בספר דמות תבניתו (תולדות הגה"ק מצעהלים עמוד מב): בענין זה מסופר, שהיות הרבנים שהתנגדו להוראת רבינו לא היו מיוצאי מדינת אונגארן, על כן לא ידעו להעריך גדולת הגאון הצדיק משאמלויא זצוק"ל ככל הצורך. אמר להם רבינו "דער שאמלויער רב אין אונגארן איז אזויווי רבי חיים עוזר אין די ליטא".



טאקע אזוי געטון, ער האט געפרעגט די שאלה פונעם שימלויער רב[ו].

**הגרי"ד כ"ץ**: כ"ק מרן זצוק"ל האט געהאט התרת הוראה פונעם שימלויער רב[ז].

**ו.** ראה שו"ת לחם שלמה מהודרא תניינא (יו"ד סימן כה), מה שכתב הגה"ק משימלויא זצוק"ל להג"ר יוסף דוב ליבערמאן זצ"ל איש אמונו של הגה"ק מצעהלים זצוק"ל, ומאריך בדבריו שאין לעשות המילה בלי מציצה בפה, וידחו את המילה עד שתבא לביתה כדי לקיים מצות מילה כדת של תורה. ומעוניין לציין מה שסיפר הרה"ח ר' אהרן געשטעטנער הי"ו בשם הג"ר יוסף דוב הנ"ל, שהגה"ק מצעהלים פקד עליו לשלוח השאלה להגה"ק משימלויא, אולם מבלי לכתוב לו שהוא שואל זאת עבור הגה"ק מצעהלים, ובשביל 'השערורי' שנתהוה בניו יארק באגודת הרבנים אודות זה.

**ז.** ראה מה שכתב הראה"כ הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל בקונטרס יד כהן (אות ריב), מה שסיפר כ"ק מרן זצוק"ל, ששלח להגה"ק משימלויא הערותיו בדיני מקואות על ספרו לחם שלמה, ואז חזר הגה"ק משימלויא מכתב בנוסח הורמנא, ולאחר זמן כשהיה הגה"ק משימלויא בעיר פאפא לחתונת נכדו הגה"ק רבי משה לייב כ"ץ זצ"ל עם בת כ"ק מרן הויגד יעקב זי"ע, תהה שוב הגה"ק משימלויא על קנקנו של מרן ז"ל ומצאו מלא וגדוש בכל מכמני התורה כאחד הגדולים, וערך לו מכתב הורמנא, וז"ל המכתב (נדפס בספר תולדות ויחי יוסף חלק א' עמוד רנ-רנג):

**ב"ה** יום ג' לסדר נצו"י תרפ"ח לפ"ק. עדות ביהוסף הוא המסביר, ועל סדרו מונחת חרב חדה, ה"ה הרב החריף ובקי עצום וגדול בתורה וביראת ה' טהורה כש"ת מו"ה יוסף גרינוואלד נ"י אבן יקרה בק"ק סאטמאר יע"א, מכירו הייתי לשעבר ועכשיו ביותר לתלמיד חכם מופלג, לו לב מבין להבין דברי חכמים וחידותם, ועסיק באורייתא תדירא כל הימים לרבות הלילות, ועיניו כיונים על אפיקי הש"ס והש"ע. אי לזאת כל מן דין סמיכי לנא והנני לעטרהו בעטרת חכמים, ורשות נתונה לו להורות בישראל מיד ולדורות, יורה יורה ידין ידין ככל יודעי דת ודין, וכל מקום אשר דבר המלך מלכו של עולם מגיע ודתו, יכולין לסמוך על הוראתו וזכות אבותיו אשר בארץ החיים נ"ע תעמוד לו בל יצא מכשול



**מרן שליט"א**: יא יא, מ'ווייסט דערפון ביי אונז.

**האדמו"ר מבורשטין**: דער טאטע פון שימלויער רב ליגט דאהי אין ניו יארק.

**הגרי"ד כ"ץ**: ער האט געדארפט אנטלויפן קיין אמעריקא. די יארצייט איז כ"ח סיון.

**כ"ק מרן שליט"א קם ממקומו ואיחל להאדמו"ר מבורשטין, להמחותן, ולהחתן:**

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל שטענדיג זען נאר שמחות ונחת געזונטערהייט, א גוטע וואך.

---

מתחת ידו, ויעשה חיל בישראל. הכ"ד או"נ הכו"ח באהבה, הק' שלמה זלמן עהרענרייך אבדפ"ה.

**האדמו"ר מבורשטין**: דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זיך טרעפן אויף שמחות געזונטערהייט.

* * *

## שיחת קודש בעת ביקור **כ"ק האדמו"ר מתולעת יעקב שליט"א** בקודש פנימה אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**יום ב' וירא תשפ"ה לפ"ק**

**האדמו"ר מתולעת יעקב**: אונז מאכן אי"ה חתונה א קינד.

**מרן שליט"א**: ס'איז עניני דיומא, ווייל די אנדערע וואך פרשת חיי שרה איז דאך די זיווג פון יצחק ורבקה.

דארט זעט מען אז די יסוד איז געווען חסד, אליעזר האט געזאגט (בראשית כד, יד) אותה הוכחת לעבדך ליצחק, די גאנצע זאך איז דאך געגאנגען מיט חסד, לכאורה ס'איז דאך דא תורה, עבודה, און גמילות חסדים, וואס טוט זיך מיט תורה?...



נאר די גאנצע עבודת ה' ביי אידישע קינדער איז מיט אחדות, מ'דינט דעם אויבערשטן סיי מיט תורה און סיי מיט עבודה דורך אחדות, יענער זאל אויך האבן, גמילות חסדים איז נישט נאר אין גשמיות אז מ'דארף העלפן פאר א צווייטע איד, נאר ברוחניות אויך, אז איין איד לערנט זיך ארויס פונעם צווייטן, ממילא איז גמילות חסדים א יסוד פאר די גאנצע תורה.

ס'שטייט אין פסוק (שם פסוק כב) ושני צמידים על ידיה עשרה זהב משקלם, עשרה זהב איז קעגן די עשרת הדברות, איין זייט פון די לוחות איז געווען ענינים שבין אדם למקום און די אנדערע זייט איז געווען ענינים שבין אדם לחבירו, און ס'איז געווען מזה ומזה הם כתובים. זאגט כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע (פ' חיי שרה ד"ה ושני צמידים) אז דאס קומט צו מרמז זיין אז מ'דארף האבןביידע, און איינס אן דעם צווייטן גייט נישט, ממילא איז אחדות א יסוד אויך אין תורה ועבודה.

דאס איז דאך דער גאנצער ענין פון שמחת חתן וכלה, ווייל דער אויבערשטער האט אזוי באשאפן די וועלט אז דער סדר הבריאה איז געגאנגען צוביסלעך סוף מעשה במחשבה תחלה, אז קודם איז געווען די בריאה און נאכדעם האט דער אויבערשטער באשאפן אדם הראשון, און אדם הראשון איז געווען דער תכלית וואס האט געדארפט אלעס מתקן זיין, און אדם הראשון איז אויך נישט געווען אינגאנצן בשלימות, האט דער אויבערשטער געזאגט (בראשית ב, יח) לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו.

ס'שטייט אין ספרי מוסר אז רשעים גייען פאר זיך, ווייל זיי ווילן זיך נאכגעבן זייערע תאוות. כ"ק מרן מבעלזא זי"ע האט געזאגט אז מ'דארף וואוינען צווישן היימישע אידן, מ'זאל האבן אזעלכע שכנים וואס מ'זאל האבן פון וועמען זיך צו שעמען, נישט אז מ'וויל זיך אנטלויפן ערגעץ און וואוינען דארט.



**האדמו"ר מתולעת יעקב**: דער חתן איז אן אייניקל פונעם ערוגת הבשם.

**מרן שליט"א**: יא יא, אן אייניקל פון מיין שוואגער [הרה"ג ר' אליעזר דוד גרינוואלד שליט"א מטעטש]. זיי זענען מיוחסים, אייניקלער פון בעלזא, קאמארנא, זידיטשויב, ראפשיץ; מיין שוויגער [הרבנית הצדיקת מטעטש ע"ה] איז געווען א מיוחסת.

**האדמו"ר מתולעת יעקב**: מיין זיידע [הגה"צ רבי יואל זוסמאן מערץ זצ"ל] איז דאך געווען א תלמיד פונעם ערוגת הבשם.

**מרן שליט"א**: יא יא, אודאי.

דער יסוד פונעם ערוגת הבשם בדרכי חסידות ובתלמידי בעל שם איז געווען ענליך צו אברהם אבינו, ער האט דאס נישט מקבל געווען פון זיינע עלטערן און רבי'ס, ער איז דאך געווען א יתום און א תלמיד פון הגה"ק הכתב סופר זי"ע, און ער האט אליין אנגעהויבן חקר'נען.

ס'האט זיך אנגעהויבן אז ס'איז געקומען צו אים א איד און געברענגט א נועם אלימלך, און דער ערוגת הבשם האט מרגיש געווען א שטארקע טעם אין דעם, און אזוי האט ער אנגעהויבן חקר'נען. שפעטער האט אים איינער געברענגט א ייטב לב, און דער ייטב לב האט דאך געדרוקט זיין ספר אן שרייבן ווער דער מחבר איז, האט דער ערוגת הבשם נאכגעפארשט ווער דער מחבר פונעם ספר איז, און






ער איז געפארן צו אים, און אזוי איז ער נתקרב געווארן צו חסידים.

**האדמו"ר מתולעת יעקב**: מיט'ן נועם אלימלך איז געווען א מעשה אז ער האט עפעס קודם נישט פארשטאנען.

**מרן שליט"א**: איך האב מקבל געווען די מעשה[ח] אז א איד האט געברענגט עטליכע ספרים, צווישן זיי איז געווען א נועם אלימלך, און דער ערוגת הבשם האט אריינגעקוקט דערין און ער האט געהאט עפעס א שטארקע הרגשה אין דעם, ער האט מרגיש געווען א התעוררות אין דעם. איז ער צוגעגאנגען צו א צווייטע איד אין שטאט און געזאגט אז ער האט אן אינטערעסאנטע ספר וואס ער פילט א שטארקע טעם דערין, האט יענער געזאגט, "אדרבה לאמיר עס אויך זען", אבער יענער האט נישט מרגיש געווען אזא טעם. זעט זיך אויס אז ס'איז געווען זיין שורש נשמה.

*

**מרן שליט"א**: מ'זעט אז צדיקים האבן זיך צוגעגרייט צו א שמחה. דער מנהג פון מאכן שבת אויפרוף איז א מנהג קדמון, ס'ווערט געברענגט אין מגן אברהם (או"ח סוף סימן רפב), און אפילו אין די ניין טעג מאכט מען שבת אויפרוף (עיין מקור

---

**ח.** בהזדמנות אחרת הגיב כ"ק מרן שליט"א על נוסחא זו שמתחלה לא הבין מרן הערוגת הבשם זי"ע בספה"ק נועם אלימלך: "איך האב עס נישט געהערט אזוי פון מיין טאטן".



חיים סימן תקנא סעיף א), פשט איז אז מ'דארף מאכן א הכנה צו א שמחה, מ'קען נישט צוגיין צום שמחה אן א הכנה.

**האדמו"ר מתולעת יעקב**: דער ערוגת הבשם פרשת צו (ד"ה ופשט את בגדיו) איז דאך מאריך אין דעם ענין פון שבת אויפרוף [ט].

**מרן שליט"א**: ביים ערוגת הבשם איז דאך געווען א מעשה ווען ער איז נישט געזונט געווען און מ'האט אים גערדארפט אפערירן, אז די דאקטוירים האבן אנפאנג וואך קובע געווען אז ס'וועט זיין די וואך די אפאראציע, האט דער ערוגת הבשם געזאגט אז די אפאראציע וועט נישט

---

**ט.** ראה שם דבריו הק': ונראה הא דנהיגי חסידים ואנשי מעשה דמזמן החתונה ואילך לובשים מלבושים מיוחדים שאין בחור מתלבש בהם, לרמז לו על דרך יראת ה' טהורה עומדת לעד ה"ד נושא אשה ואחר כך לומד תורה, ובגדים רומז לחלוקא דרבנן כדאיתא ביהי רצון קודם עטיפת הטלית, ומרמזים לו דבגדים שבישל בהם קדרה אל ימזוג כוס לרבו על דרך שאמרו חז"ל חזקה אין אדם שותה בכוס אל אם כן בדקו, דמכאן ואילך יסור בגדים הצואים והלבישו אותו מחלצות.

**והנה** אמרו רז"ל היכא דמי בעל תשובה באותו פרק, וצריך שישוב בתשובה כל כמה שהוא באותו פרק, משא"כ לאחר החתונה כבר הגיע לפרק אחר, על כן המנהג ללבוש בגדי החתונה כגון שטריימ"ל וכדומה עוד שבת מקודם, לעשות פועל דמיוני ללבוש בגדים אחרים לעשות תשובה מאהבה קודם החתונה.






זיין יעצט, מ'האט זיך געוואונדערט אויף אים וויאזוי ער ווייסט אז ס'וועט נישט זיין יעצט. צום סוף האט זיך דער פראפעסאר צושניטן די פינגער האט מען עס טאקע געמוזט אשפטופן.

שפעטער האט מען אים געפרעגט, "פון וואו האט דער רבי געוואוסט אז די אפאראציע וועט נישט זיין יעצט?" האט דער ערוגת הבשם געזאגט, "אויב איך האב נישט געוואוסט א שבת פארדעם פון די אפאראציע, האב איך פארשטאנען אז ס'וועט נישט זיין". דאס מיינט אז שבת איז א הכנה; דאס זענען השגות!

אמאל ווען כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל איז געווען ביי כ"ק מרן מבעלזא זי"ע איז דער רב ז"ל אריינגעקומען שפעט צום טיש. פאר'ן טיש איז דער משמש אריין צום רב ז"ל און געזאגט, "רבי, ס'איז שוין שפעט, מ'דארף זיך שוין צואיילן און אריינגיין צום טיש", און דער משמש האט אנגעהויבן אויסרעכענען ווער ס'זיצט שוין אלץ ביים טיש, און ער האט אויסגערעכנט אז "פאפא רב זיצט שוין ביים טיש", האט דער רב ז"ל געזאגט, "אוי! פאפא רב זיצט ביים טיש, דארף מען זיך דאך טאקע צוגרייטן צום טיש! דארף מען טאקע א הכנה!"

ס'איז אינטערעסאנט, סתם אזוי קוקט עס אויס ווי א העכערע זאך פון חסידים אז מ'גרייט זיך צו צום דאווענען, און מ'קען נישט דאווענען סתם אזוי אן הכנה, אבער באמת איז דאך דאס א משנה (ברכות ה, א) חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללים; מ'דארף אבער האלטן דערביי...

**ואיחל כ"ק מרן שליט"א**: דער אויבערשטער זאל העלפן בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה געזונטערהייט, דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל זען דורות ישרים ומבורכים, און זכות אבות זאל באגלייטן.

* * *

### שיחת קודש בעת ביקור **כ"ק האדמו"ר מתולעת יעקב שליט"א** בקודש פנימה אצל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**יום ד' ויקהל תשפ"ה לפ"ק**

**האדמו"ר מתולעת יעקב**: אונז מאכן אי"ה חתונה א קינד.

**מרן שליט"א**: אה! הודו לה' כי טוב! דער אויבערשטער געבט, און מ'דארף לויבן דעם אויבערשטן.

מ'האלט יעצט בין גאולה לגאולה, צווישן פורים און פסח, ס'איז דאך א גרויסע זמן.

**והתעניין מרן שליט"א**: ווער איז דער מחותן?

**האדמו"ר מתולעת יעקב**: הרב חיים דוד מערץ, א זון פון מיין טאטנ'ס ברודער הגה"צ רבי יעקב מערץ שליט"א אב"ד תפארת יחזקאל.

**מרן שליט"א**: ביי צדיקים איז דאך געווען א הכנה צו א שמחה א גרויסע זאך! ס'איז געווען אין דעם גאנצעטע ענינים ביים צוגרייטן. ס'איז געווען וואס האבן געמאכט א לעקיך און ברוינפן ביים קובע זיין די זמן החתונה, מ'האט געמאכט א גאנצע עסק פון די הכנה.

ס'איז א גוטע סימן אויף די וואך, וואס מ'רעדט אין די פרשה פונעם בנין המשכן, אז מ'בויט א אידישע שטוב איז עס אויך אזוי־ווי מ'בויט א משכן, מ'בויט א שטוב פאר השראת השכינה, מ'האפט אזוי מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף, אונז דארפן טון וואס אונז קענען טון, און דאס איבריגע בעט מען פונעם אויבערשטן אז ער זאל אונז העלפן.

א שמחה געבט א חיזוק, סוף כל סוף איז עס א זמן וואס מ'לויבט דעם אויבערשטן אז מ'זעט אידישע דורות, איז עס דאך א גרויסע זאך.

הזמן מעורר! ס'שטייט (מדרש משלי ט, ב) כל המועדים יהיו בטלים וימי הפורים לא נבטלים, זאגט כ"ק אא"ז מרן הערוגת הבשם זי"ע (תורות לפורים סוף ד"ה שושנת יעקב) אז דאס איז מרמז אויף די התעוררות וואס איז אין די נסים פון דרך הטבע, אז א איד איז מכיר אויף די הנהגה בדרך הטבע, אז מ'קוקט אריין אין די מגילה זעט מען אז אלעס איז געווען בדרך הטבע, און דאס ברענגט א התחזקות אין די אמונה אז בתוך הטבע איז אויך דא השגחה, אלעס איז פון אויבערשטן.

'מועדים' מיינט מען מלשון קביעות ענין, ס'איז א באשטימטע זאך, אז ס'לייכט א לעכטיגקייט אין א זמן, איז אפילו טאמער אלע אנדערע מועדים און הארות וועלן ווערן בטל אין די גלות, אבער וימי הפורים לא נבטלים, די הארה אז דער אויבערשטער פירט די וועלט בתוך דרכי הטבע דאס איז לא נבטלים.

ס'גייט יעצט פרשת ויקהל, שטייט אין פסוק (שמות לה, א) ויקהל משה את כל עדת בני ישראל, ביי א שמחה קומען זיך אידן צוזאמען, ווייל מ'קען נישט אליין פירן א שמחה, מ'דארף זיך צאמקומען מיט נאך אידן.

ס'גייט יעצט פרשת פרה, אז מ'מאכט חתונה א קינד גרייט מען זיך דאך אויך אליין צו דערצו, ממילא טוט דאס רייניגן.

כ'האב געהערט אמאל וואס דער באבובער רב כ"ק האדמו"ר רבי שלמה זצ"ל האט דערציילט אז ווען הרה"ק רבי מאטעלע הורנסטייפלער זי"ע האט זיך גע'טובל'ט אין

מקוה פאר די חתונה, האט זיין שווער הרה"ק דער דברי חיים זי"ע געזאגט אויף אים, "ער טובל'ט זיך אזויווי א בן ארבעים!" דהיינו מיט אלע כוונות.

אדר איז דאך א הויעכע זמן, אדר איז סוף יאר ווייל ניסן איז דאך אנפאנג יאר אזויווי ס'שטייט (שמות יב, ב) ראשון הוא לכם לחדשי השנה, איז עס דאך א זמן פון תשובה, און אזויווי ביי צדיקים איז געווען א גרויסע התעוררות אז ס'איז געווען א חתונה אלול, קען מען זאגן אז די זעלבע זאך איז אז מ'מאכט יעצט חתונה, איז עס א זמן פון התעוררות.

*

**מרן שליט"א**: איך געדענק ווען דיין זיידע [כ"ק הגה"צ רבי יחזקאל מערץ זצ"ל] איז אנגעקומען קיין אמעריקא פון ווין, ס'איז געווען תש"כ צייטן, אביסל פריער פון דעם. ער האט דאך געוואוינט קודם אין ווין.

**ואיחל כ"ק מרן שליט"א**: דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין אין א מזל'דיגע שעה, בשעה טובה ומוצלחת געזונטערהייט, דער אויבערשטער זאל העלפן זכות אבות זאל ווייטער מגין זיין, מ'זאל זוכה זיין צו דורות ישרין ומבורכים געזונטערהייט. כל טוב זייטס געזונט.






# דברות קודש

**לבחורי כתה מכינה לישיבה בתלמוד תורה צאן יוסף דחסידי פאפא בעיר מאנסי**

יום ה' יתרו חמשה עשר בשבט תשפ"ה לפ"ק

## עולה השרף באילנות

אין מזרזין אלא למזורזין, די חשוב'ע טייערע בחורים פירן זיך אזויווי עס דארף צו זיין, און לערנען תורה מיט יראת שמים.

היינט איז חמשה עשר בשבט, ס'איז ראש השנה לאילנות, זאגט די גמרא (ראש השנה יד.) מאי טעמא שבו עולה השרף באילנות, אז ס'גייט ארויס די זאפט אין די ביינער. די לימוד דערפון איז, אז די זאפט איז טאקע זייער קליין און אביסל, אבער וואס ס'וועט ארויסקומען דערפון איז זייער אסאך.

## ממלכת כהנים וגוי קדוש

די וואכעדיגע סדרה איז קבלת התורה, ביי קבלת התורה טרעפט מען אז די ערשטע זאך פאר קבלת התורה איז געווען אז דער אויבערשטער האט געהייסן זאגן פאר אידישע קינדער (שמות יט, ד-ו) אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים וגו' ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, מ'האט נאכנישט גערעדט פון קיין עשרת הדברות, מ'האט נאך גארנישט געזאגט וועגן די תורה, און פאר אלעם הייבט מען אן אז ואתם תהיו לי ממלכת כהנים.

פשט דערפון איז, אז דאס איז אן עקסטערע זאך, אז פאר מ'הייבט אן די תורה דארף מען וויסן צו זיין ממלכת כהנים וגוי קדוש, מ'הייבט נישט אן מיט די דינים פון די תורה נאר טאמער עטץ ווילטס מקבל זיין די תורה דארפט עטץ זיין ממלכת כהנים גוי קדוש; עטץ דארפטס זיין, און עטץ וועטס זיין, אבער עטץ מוזט ענק דאס ארייננעמען אין קאפ. נאכדעם איז טאקע געווען טהרה שלשת ימים אל תגשו אל אשה (פסוק טו), און נאכדעם האט מען געגעבן די עשרת הדברות.

די עשרת הדברות גופא איז געווען א מועט המחזיק את המרובה, ווייל אין די עשרת הדברות איז דאך דא תר"כ אותיות, און אזוי ווייטער.

אין לימוד התורה איז דא די בחינה אז פון איין ווארט פון א משנה און פון איין דיוק פון א משנה קומען ארויס תילי תלים של הלכות, צי אפילו א גירסא אין די גמרא צי מ'זאגט


# קהל קהלת יעקב פאפא

נתייסדה ע"י כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק זצוק"ל • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

654 Bedford Avenue, Brooklyn NY 11249 • 718-624-6598

**Mailing Address:** 130 Lee Ave. Suite #291, Brooklyn NY 11211

משגרים אנו בזה ברכותינו העמוקות היוצאות מעומק הלב, מול האי איש חי ורב פעלים, איש אשר רוח בו, אהוב ונחמד לכל, גברא דמרא סייעא וכל אשר הוא עושה ה' מצליח בידו, רץ כצבי וגיבור כארי לכל קדשי בית חיינו ותפארתנו, מנצח על מלאכת בית ה' בכל יום ויום במסירות נפלאה, ובמיוחד מפליא לעשות בעתים מיוחדים, ה"ה זמני רצון, מועדי קודש, וימי שמחה בחצר הקודש, אין גומרים עליו את ההלל, ה"ה

**ידיד כל בית פאפא העסקן הנמרץ לכל קדשי בית חיינו**

# הר"ר **אברהם יואל מאנדל** הי"ו

**חבר הנהלת קהלתינו הק'**

לרגל השמחה הגדולה במעונו בנישואי בתו הכלה תחי' עם החתן המופלג יצחק נפתלי קנאפפלער ני"ו ממצוייני תלמידי ישיבתנו הק' במתיבתא קרית פאפא בן הר"ר יוסף מאיר קנאפפלער הי"ו מחשובי אנ"ש במאנסי

יהי רצון שתזכה לראות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו"ח, ותתברך בכל מיני השפעות טובות, ותזכה להמשיך בפעולותיך הברוכות למען כבוד בית פאפא, עדי נזכה לעלות לציון ברנה עם מלכנו בראשנו אמן ואמן.

**המאחלים והמברכים מעומק הלב**

הנהלת הקהלה בשם חסידי פאפא די בכל אתר ואתר

בשיר וקול תודה נברך בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, לכבוד ידידנו וידיד כל נפש חי, ידידנו היקר, עוסק במלאכתו נאמנה, יראת ה' חופף עליו, ידו נטויה לכל דבר טוב, עושה ומעשה בכל לב ונפש למען קדושתן וטהרתן של ישראל, מזכה את הרבים, מרביץ השקפה טהורה בלב בנות יעקב על דרך המסורה לנו, ה"ה

## הרב **משה ברילל** שליט"א

### מנהל בנות יעקב

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו באירוסי בתו למזל טוב בשעטו"מ

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים בכבוד הראוי**

**עסקני ארגון רוממתנו**

---

# תלמוד תורה 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא

**בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

בלב מלא תודה והכרה, באתי בזה להביע רגשותי הנאמנות בברכת מזל טוב כראוי וכיאות, מול ידידי החשוב, מפורסם לשבח ולתהלה, מלא רוח וחכמה, עושה מלאכתו בנאמנה, כמעיין המתגבר משפיע מרוב בינתו על לב שומע, מיראי ה' וחושבי שמו, ה"ה

**מסור בכל לב ונפש למען הת"ת**

## הרב **יוסף גאמבא** הי"ו סגן מנהל דת"ת

לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב עם החתן החשוב שרגא פייבל לעווי הי"ו ממצוייני תלמידי מתיבתא קרית פאפא בן הרב בערל לעווי הי"ו

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, ויוכל להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברך מעומק הלב:** שלום יוסף פריעדמאן מנהל דת"ת

---

קהל קהלת יעקב פאפא
מאנסי, ניו יארק

Cong. Kehilath Yakov Pupa
Tel. 845-565-7872
POB 178 Monsey, NY 10952

בשם כל קהל אנ"ש יעלה ויבא קדם מעלת כבוד ידידנו הרבני החשוב המפואר, איש האשכולות, מוכתר במעלות ובמדות רמות, מסור ונתון להיטיב לזולת בטוב לב ובמסירות נאמנה, עושה חסד לאלפים בסבר פנים יפות, להושיט יד ועזרה בכל עת ועונה, מסור בלב ונפש למען קהלתנו הק', ומשקיע מיטב כוחותיו וכשרונותיו למען פריחת ושגשוג קהלתנו הק' בעוז ותעצומות, ה"ה

## הר"ר **שלמה משה בערקאוויטש** הי"ו

### **גבאי נאמן בבית מדרשנו רבות בשנים**

לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב החתן החשוב ברוך ני"ו עם בת הר"ר שמעון לעדערמאן הי"ו

יהי רצון מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות רוב נחת והרחבת הדעת דקדושה, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, לאורך ימים ושנים טובות, אך טוב וחסד ישכון תמיד באהלו, וכל ברכות התורה יחילו על ראשו, וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם ונאמר אמן.

**המברכים מעומקא דלבא:** הנהלת הקהלה

אמר רבי אלעזר צ׳ אמר רבי אליעזר, צ׳ אזא גירסא אדער אז גירסא, וועט מען מאכן אן עסק דערפון ׳למה לי׳, פארוואס שטייט אזוי און פארוואס שטייט אזוי, דאס קומט צו לערנען אז די איין ווארט איז זייער אסאך.

אויב אזוי דארף מען צו וויסן אז דאס זעלבע איז אויך נוגע ביי די אנדערע ענינים וואס מ׳האט עוסק געווען פאר קבלת התורה.

## תורה עם יראת שמים

דאס ערשטע יסוד דארף מען וויסן ״איך לערן תורה מיט יראת שמים!״ ביי אונז האט מען געוואוסט אז תורה דארף גיין מיט יראת שמים, דאס איז כמעט א תנאי אין די לימוד התורה, אז נישט די יראת שמים וואס האב איך צו לערנען תורה! אז נישט די יראת שמים איז די תורה גארנישט ווערט! אודאי און אודאי איז דא אין תורה לשמה אסאך מדריגות, אבער דאס ערשטע זאך דארף זיין ״תורה מיט יראת שמים״.

אויב דאס איז טאקע אזוי אז ס׳דארף זיין תורה מיט יראת שמים, איז נכלל אין דעם די דרכים וויאזוי מ׳דארף זיך צו פירן, און וויאזוי מ׳שטעלט זיך אוועק, למשל דאס אז די חיצוניות ברענגט פנימיות און אזוי ווייטער, וואס דאס איז פון די וויכטיגסטע זאכן, און וועגן דעם האבן אונז מוסדות, ווייל תורה טרעפט מען ביי אסאך אנדערע פלעצער וואס לערנען תורה אויף זייערע אופנים, און אודאי האט תורה א לעכטיגקייט, אבער אונז ווילן נישט אזוי לערנען תורה!

אונז ווילן נישט לערנען תורה ווי אנדערע לערנען תורה, צ׳ איז דאס אז מ׳גייט נישט אנגעטון אזויווי עס דארף צו זיין, אדער אז מ׳פירט זיך נישט אזויווי עס דארף צו זיין, און מ׳לייגט נאר א דגוש אבי אז מ׳לערנט תורה, אונז ווילן נישט אזוי לערנען.

דאס האט גדרים וגדרים, דאס מיינט אין אנדערע ווערטער אז די בית המדרש איז אונזער פלאץ וואו אונז ווערן מחונך, און אויף דעם איז אוועקגעשטעלט אונזערע מוסדות.

## עז פנים לגיהנום

דאס וואס די גאס זאגט איז ביי אונז נישט נוגע. די משנה זאגט (אבות ה, כ) עז פנים לגיהנום ובושת פנים לגן עדן, דאס מיינט מען אז ווען מ׳גייט ארויס אויף די גאס מוז מען זיין שטארק, און אז איינער וויל ארויסגיין לגיהנום אויף די גאס מוז ער זיין אן עז פנים און נישט קוקן וואס די גאס זאגט, ובושת פנים לגן עדן, גן עדן מיינט מען די בית המדרש.

ממילא דארף מען וויסן אז דא אין די בית המדרש דארף מען מחונך ווערן, מ׳לערנט זיך אויס דא אין בית המדרש פון די תורה, און פון די ענינים וויאזוי מ׳דארף זיך צו פירן וואס מ׳לערנט די עניני מוסר והדרכה, מ׳דארף וויסן וויאזוי צו וואקסן ערליכע חסיד׳ישע אידן און גיין בדרכי אבותינו, דאס איז די תכלית פון דעם פלאץ.

ממילא דארף מען צו וויסן דערפון און זיך דאס אריינגעמען אין קאפ אריין, אז דאס איז די יסוד פון אונזערע מוסדות, און די נקודה אז מ׳זאל וואקסן מיט ״תורה מיט יראת שמים״ דאס קען מען נישט לאזן פאר אן אנדערע פלאץ, דאס מוז מען דווקא ביי אונז קונה זיין און וויסן וויאזוי דאס צו פילעווען, און וויאזוי צו ארבעטן אויף דעם.


ברכת מזלא טבא מעומקא דלבא לכבוד האי איש נבון, שמו הטוב נודע בשערים, נחמד למעלה ואהוב למטה, שמועתו נאה, עושה פרי תבואה, פועל גדולות ונצורות למען עתיד דורותינו, ממצדיקי הרבים ככוכבים, איש החינוך ונשוא הפנים, מסור בלב ונפש למען כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א בחינוך הבנים על דרך המסורה לנו, עומד תמיד לימיננו בעצה ותושיה במאור פנים, ה״ה

הרב **אשר לאווי** שליט״א מנהל דת״ת המרכזי

לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב בשעטו״מ עם החתן החשוב ישעי׳ גאלדבערגער נ״י ממצויני תלמידי מתיבתא קרית פאפא בן הרב מרדכי שלמה שליט״א

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו״ח, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, ויזכה להמשיך בפעליו המרובים מתוך נחת והרחבת הדעת לגדל דור שיהא ראויה לקבל משיח צדקנו, עדי נזכה לישועתן של ישראל בביאת מלכא משיחא ומלכנו בראשנו בב״א.

המברכים מקרב הלב

**אהרן צבי ברילל** מנהל דת״ת מאנסי **יואל פריעדמאן** יו״ר ועד החינוך מאנסי

ובאופן זה אז עטץ וועטס וויסן פון דעם און עטץ וועטס ענק צושטעלן צו דעם, וועט עטץ וואקסן תלמידי חכמים יראי ה', ענקערע עלטערן וועלן זען פון ענק אסאך אידיש נחת, און ס'זאל זיין א כבוד פאר אונזערע עלטערן בעולמות העליונים, און מיר זאלן אלע צוזאמען גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.

* * *

# דברות קודש

**בעת מסיבת לחיים לרגל קביעת מזוזות וחנוכת הבית לבית המדרש החדש 42 שטיבל בעיר בארא פארק יע"א**

יום א' כי תשא תשפ"ה לפ"ק

## והריחו ביראת ה'

*שושנת יעקב* צהלה ושמחה. דארף מען פארשטיין וואס עפעס 'שושנת יעקב'?

ביי די ברכה פון יצחק אבינו שטייט (בראשית כז, כז) ראה ריח בני בריח שדה אשר ברכו ה', שטייט אין חסיד'ישע ספרים אז אין פסוק שטייט (ישעי' יא, ג) והריחו ביראת ה', אז מיט א הרגשה פון א ריח קען מען מרגיש זיין, דאס מיינט ראה ריח בני אז די חוש הריח פון יעקב אבינו איז זייער גוט, אז ער האט קען גוט שמעקן.

דאס מיינט מען שושנת יעקב, שושנה איז א רויז, וואס טוט מען מיט א רויז? א רויז שמעקט מען; דאס קומט צו לערנען אז א איד דארף שמעקן אויף א זאך צי דאס האט א גוטע גערוך, און טאמער דער חוש הריח טויג נישט, שפירט מען נישט וואס ס'איז א גוטע זאך. דאס איז דער ענין פון שושנת יעקב, אז מ'האט א גוטע חוש הריח בבחינת והריחו ביראת ה'.

פורים איז דאך געווען קימו וקבלו היהודים מרצון הטוב. לכאורה וויאזוי קען מען דאס פארשטיין אז אלעס ביז יעצט איז נישט געווען ברצון הטוב?

נאר דער ענין איז, אז ביי קבלת התורה איז דאך בכל יום יהיו בעיניך כחדשים, שבועות איז זמן 'מתן' תורתנו און נישט זמן 'קבלת' תורתנו, ווייל זמן קבלת תורתנו איז יעדן טאג; דער ענין פון קבלת התורה דארף זיין ברצון הטוב, און אין דעם קימו וקבלו ליגט מדריגות מדריגות, אבער עכ"פ ווען ס'קומט צו דעם ענין דארף א איד האבן א גוטע חוש הריח אזויווי א שושנה.

היינט בייטאג איז דאך געווען ט' אדר, ט' איז טוב, דאס קומט אויך צו לערנען אז מ'דארף האבן א גוטע חוש הריח.

## לימוד מכל דבר גשמי

אז מ'גייט אריין צו אזא בית המדרש דארף מען זיך צוגרייטן נישט נאר בגשמיות אז מ'בויט אויף א בית המדרש, נאר אויך מיט די חלק הרוחני. ס'איז דא א יסוד וואס די ספרים הק' זענען פול מיט דעם, אז יעדע זאך וואס האט א חלק הגשמי האט אויך א חלק הרוחני, און פון יעדע דבר גשמי דארף מען זיך עפעס אפלערנען.

די וואכעדיגע סדרה איז דא אן אינטערעסאנטע זאך. ס'שטייט ביים דעם חטא (שמות לב, כ) אז משה רבינו האט


Cong. Kehilath Yakov Pupa
Tel. 845-565-7872
POB 178 Monsey, NY 10952

קהל קהלת יעקב פאפא
מאנסי, ניו יארק

ברכות מאלופות שלוחות בזה מול כבוד ידידנו היקר, איש אשר רוח בו, מוכתר בכתר שם טוב, הולך תמים ופועל צדק, עסקן נמרץ למען הכלל והפרט, בלבו הטוב עושה ומעשה בכל לב ונפש לכל קדשי קהלתנו הק', ולצרכי יחידי אנ"ש בפרטיות בלב זהב, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, אהוב ונחמד לכל, גברא דמרא סייעא, ה"ה

הר"ר **נחום גרינוואלד** הי"ו חבר הנהלת הקהלה

לרגל השמחה השרויה במעונו בנישואי בנו החתן החשוב יחיאל ני"ו עם בת הר"ר נתן אלימלך קאהן הי"ו מחשובי אנ"ש פה מאנסי

**ובו בזמן נשגר בזה ברכת מזל טוב לכבוד אביו היקר באנשים הרה"ח המפו' ר' עמרם יודא גרינוואלד שליט"א מזקני חשובי קהל עדתנו**

יעזור השי"ת שיזכה לראות ברכה והצלחה בפרי עמלו, ויתברך משמי מרום עם חיים ברכה שמחה ושלום, ויזכה להמשיך עם עבודתו בקודש לזכות את הרבים, וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים מקרב הלב:** הנהלת הקהלה

געגומען דעם עגל וישרוף באש. לכאורה איז שווער וויאזוי פארברענט מען גאלד, גאלד ברענט דאך נישט? זאגט דער אבן עזרא אן אינטערעסאנטע זאך, אז מ'קען ארייגלייגן א כעמישע זאך אין גאלד און דאס וועט ווערן אזויווי עפר, און דער אור החיים הק' זאגט על פי דרכו אז יעדע זאך האט דאך א חיות, און משה רבינו האט ארויסגענומען די חיות פון דעם גאלד, און אז מ'נעמט ארויס די חיות דערפון ווערט עס עפר. די ביידע תירוצים איז באופן גשמי ובאופן רוחני.

## מהלך הרצוי לכל הנהגות המקום

לענ"ד וויל איך דא זאגן א נקודה מיט מיין נוסח וויאזוי איך וויל עס זאגן.

אויב איך זאל וועז ארייגקומען דא אין בית המדרש און זען א טאוול, "שטרענג פארבאטן צו שמועסן ביים דאווענען", וואלט איך אראפגענומען דעם צעטל... מיר פארבאטן נישט... ביי אונז איז נישט דא אזא זאך! ביי אונז וויל מען אז דו זאלסט נישט 'וועלן' שמועסן ביים דאווענען! ס'איז נישט דא אזא זאך ווי 'שטרענג פארבאטן'.

אויב קומט א יונגערמאן אריין אין בית המדרש און טראכט, "אוי געוואלד! וואס נאך וויל מען פון מיר האבן, מ'לאזט נישט שמועסן, און מ'לאזט נישט געבן ביי די קידושים כך וכך, און וואס נאך לאזט מען נישט?" זאל ער וויסן אז ס'הייבט זיך נישט אן, און אויב איך זע אז די גבאים טוען אזא זאך וואלט איך זיי פארגעהאלטן פארוואס טוען אזעלכע זאכן, דאס איז דאך נישט אונזער דרך! ס'איז נישט פארבאטן...

ס'דארף צוגיין מיט'ן צוגאנג אז דער עולם דארף צו וויסן אויף וואס די בית המדרש איז אוועקגעשטעלט: די בית המדרש איז אוועקגעשטעלט אז מ'קומט דא צום דאווענען!

אודאי אז נאכ'ן דאווענען קען מען רעדן איינער צום צווייטן, צי זאל עס זיין אז מ'זעצט זיך צו א קידוש צי סתם אזוי, מ'זאל רעדן איינער צום צווייטן און זיך נאכפרעגן, "וואס מאכסטו עפעס? וואס טוסטו?" אבער דאס איז נאר נאכ'ן דאווענען, נישט בשעת'ן דאווענען.

מ'דארף וויסן אז יעצט דאווען איך און יעצט לערן איך; אודאי קען מען טרינקען א קאווע פאר'ן דאווענען מ'דארף האבן כח, אבער נישט יעצט שמועסט מען, ס'איז דא אנדערע צייטן וואס מ'טרעפט זיך איינער מיט'ן צווייטן וואס דעמאלטס קען מען שמועסן און זיך העלפן איינער דעם צווייטן, אבער נישט בשעת'ן דאווענען און נישט בשעת'ן לערנען.

אויב מ'גייט צו מיט אזא מחשבה איז ממילא דא קימו וקבלו בשמחה, אלעס גייט מיט א צופרידנקייט, און ס'גייט נישט מיט קיין געצווינגענקייט אז מ'לאזט נישט טון עפעס, און אז מ'לייגט ארויף פרישע זאכן, אונז לייגן נישט ארויף קיין שום זאכן אויף קיינעם.

ממילא אויב די יסוד איז אוועקגעשטעלט אויף אזא אופן, איז טאמער איינער גייט נישט מיט דעם פילט ער זיך פשוט נישט אין פלאץ דא, ווייל אז ער הייבט אן שמועסן ביים דאווענען קוקט אים יעדער אן ווי ער טוט עפעס נישט צום זאך, און אפילו מ'האלט נאך אינמיטן פארנט און מ'שטעלט


# תלמוד תורה 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ברכת מזלא טבא מעומקא דלבא לכבוד האי מזכה את הרבים, מרביץ תורה לעדרי עדרים, ממצדיקי הרבים ככוכבים, שיחו נאה ואמרותיו נעימים, ברוחו פי שנים, תורה ויראת שמים, שמו הטוב נודע בשערים, איש החינוך ונשוא הפנים, מסור בלב ונפש לילדי צאן קדשים, ולכל המלמדים, ה"ה

## הרב **אשר לאווי** שליט"א מנהל רוחני

לרגל שמחת נישואי בתו למזל טוב בשעטו"מ

ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים שיזכה לראות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, ויזכה להמשיך להאיר עיני ישראל המחכים לו מתוך הרחבת הדעת, עושר ואושר ירוצו אחריו כל ימי חייו, עדי נזכה לקול ששון וקול שמחה בביאת משיח צדקנו ומלכנו בראשנו בב"א.

**המברך מקרב הלב**

שותפו לדבר מצוה: שלום יוסף פריעדמאן מנהל דת"ת

זיך אוועק שמועסן מיט א חבר, פילט מען זיך ווי מ'קוקט אים אן.

דאס דארף זיין דא די גאנצע רוח, און דאס דארף זיין די יסוד ווען מ'שטעלט אוועק די בית המדרש.

## יופי של הביהמ"ד

די היינטיגע סטייל איז דאך אז מ'מאכט אלעס טונקל מיט שווארץ... די דעזיינער'ס פסק'נען אפ וויאזוי א בית המדרש דארף אויסקוקן, אבער אונז דארפן דאס נישט האבן! אודאי דארף א בית המדרש זיין לשם ולתפארת, ס'דארף זיין כבוד התורה, אבער זיי זאלן נישט מחליט זיין וואס הייסט ביי אונז שיין, ס'דארף זיין א היימישע בית המדרש.

## לך כנוס את כל היהודים

דאס איז אויך די תכלית פון די איחוד אין בית המדרש, מ'טרעפט א חבר און מ'קען אים פרעגן, "יענקל, איך האב דיר נישט געזען נעכטן, וואו ביזטו געווען ביים שיעור?" און ס'איז נישט פשט אז מ'זאגט אים אריין, מ'שרייט נישט אויף קיין אידן, ס'איז היינט שוואכע דורות מ'קען נישט אזוי רעדן צו אידן, ס'ארבעט נישט... אבער מ'רעדט דא פון א ידידות'דיגע שאלה, "יענקל וואס הערט זיך עפעס? וואו ביזטו געווען ביים דאווענען? וואו ביזטו געווען ביים לערנען?"

ס'איז טאקע יעצט א גוטע זמן פון לך כנוס את כל היהודים (אסתר ד, טז), אסתר האט געזאגט פאר מרדכי, "לך כנוס, נעם צוזאם די אידן אז זיי זאלן זיך מחזק זיין איינער דעם צווייטן, ובאופן זה וועסטו זען אז זיי וועלן זיין וואויל און גוט", און ס'קען טאקע אויך זיין א רמז אין דעם אז אסתר האט געזאגט פאר מרדכי הצדיק, "מרדכי! שריי נישט אויף אידן! לך כנוס את כל היהודים הנמצאים בשושן, נעם זיי צוזאם און רעד צו זיי און זאג זיי זאלן זיך מחזק זיין איינער דעם צווייטן, ובאופן זה וועסטו זען אז זיי וועלן זיין אזוי וואויל, איך זאג דיר צו אז אידישע קינדער וועלן זיין וואויל".

אסתר האט ווייטער געזאגט 'וצומו עלי', מ'ווייסט דאך אז ביי חסידים און תלמידי בעל שם האט מען אין די לעצטערע דורות נישט געהאלטן פון קיין תעניתים, האט אסתר געזאגט אז נאכדעם וואס מ'האט שוין צאמגענומען אידן דעמאלטס וצומו עלי קען מען אביסל פאסטן, אבער דאס איז נאר א טפל שבטפלים, אז מ'הייסט פאסטן וועט מען פאסטן, אבער נישט דאס זאל זיין דער עיקר. ובאופן זה לאמיר האפן צו מצליח זיין.

## מחיית עמלק

מ'האלט דאך יעצט אין דער זמן פון 'להקדים זכירה לעשיה', ס'איז א זמן פון מחיית עמלק, און צו מחיית עמלק גייט מען צו מיט א שמחה און מיט א חיזוק, קעגן א שונא גייט מען מיט א חיזוק, און דאס קען מען האבן דורך איחוד, אז מ'גייט אינאיינעם צוזאמען געבעט עס א חיזוק.

אלע עגמת נפש'ן וואס טוען חס ושלום צעברעכן אידישע קינדער קומען דאך פון עמלק, און מ'דארף זיך מחזק זיין קעגן דעם. עמלק איז 'אשר קרהו', ער קילט אפ אז ס'וועט שוין גארנישט זיין, און מ'קען נישט, און ס'גייט נישט היינט


**תלמוד תורה 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בלב מלא תודה והכרה, באנו בזה להביע רגשותינו הנאמנות בברכת מזל טוב כראוי וכיאות, מול ידידנו החשוב, ממצדיקי הרבים ככוכבים, מפורסם לשבח ולתהלה, מלא רוח וחכמה, עושה מלאכתו באמנה, כמעיין המתגבר משפיע מרוב בינתו על לב שומע, מיראי ה' וחושבי שמו, ה"ה

המחנך הרב **יוסף אלי' לעווי** שליט"א

**מרביץ תורה וחסידות לילדי חמד במדה גדושה**

לרגל השמחה הגדולה השרויה במעונו בשמחת נישואי בתו למזל טוב בשעטו"מ

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, ויוכל להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברך מעומק הלב:** שלום יוסף פריעדמאן מנהל דת"ת

אזוי, און אזוי ווייטער; דארף מען זיך מחזק זיין קעגן אים און וויסן אז "ניין! ס'קען יא זיין!"

### ברכות ונחת לרוב

ובאופן זה האפן מיר ווייטער צו מצליח זיין, ברוך ה' אז מיין חשוב'ער זון [**הרה"צ רבי לוי יצחק שליט"א דומ"ץ ב"פ**] טוט דאך דא אויף אזויפיל, ער ווייזט ענק די וועג און ער טוט אסאך, ער לעבט אויף דעם עולם, און אזוי אויך מיינע אנדערע חשוב'ע קינדער וואס טוען דא אויף, זאל דער אויבערשטער העלפן אז זיי זאלן אלע מצליח זיין.

חוץ דעם איז דאך דא דער כולל וואס גייט ברוך ה' מיט אזא הצלחה, הודו לה' כי טוב! דאס איז לא בזכותי, נאר בזכות פון אונזערע עלטערן, דאס איז דאך א לעכטיגקייט! ברוך ה' מ'דארף לויבן דעם אויבערשטן! מ'קומט אריין אין בית המדרש און מ'זעט אזא חשוב'ע כולל, ס'איז א לעכטיגקייט! ס'איז א נחת!

זאל דער אויבערשטער העלפן מיר זאלן שוין זוכה זיין צו כל מיני ישועות, און די זכות פון טאטן ז"ל זאל אונז אויך באגלייטן אוןביישטיין, ס'זאל זיין א כבוד פאר אונזערע עלטערן בעולמות העליונים, און ס'זאל זיין א כבוד פאר די גאנצע חברייא, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו ווארגמן ימנם לכונן עיר דוד (קרובץ לפורים - ברכת בונה ירושלים), און מ'זאל זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו בב"א.

* * *

# דברות קודש

**בעת מסיבת מלוה מלכה על ידי אנ"ש מתפללי בית מדרשנו שכונת סאוט-קאל בעיר מאנסי בשילוב שמחת שבע ברכות לבת העסקן הנמרץ הר"ר יוסף בראָ"ל שפיטצער הי"ו מבוני ומקימי השטיבל**

מוצאי שב"ק וישב תשפ"ה לפ"ק

### מה תבקש

באמת וואלט איך נאר געדארפט זאגן 'איין ווארט', ווייל מ'האט פריער געערדט [**הרה"ג ר' יואל פריעדמאן שליט"א מגי"ש בשטיבל**] אז מ'דארף בלויז זאגן 'אמן' אויף אלעס, און נאך אזא גוטע ברכה וואס מ'האט דא געגעבן בלייבט נישט איבער נאר צו זאגן 'אמן'... דאס איז טאקע ריכטיג, אבער לכבוד שמחת חתן וכלה וועל איך זאגן 'צוויי ווערטער'...

אונז שטייען דא ביי א שבע ברכות שמחת חתן וכלה, און אויך א מסיבה הכרת הטוב לכבוד **הר"ר יוסף [שפיטצער] הי"ו** וואס ער האט אהערגעשטעלט דעם בית המדרש מיט זיינע הענט מיט די אנדערע גבאים.

אין אמת'ן אריין האט איר דאך מיין זון דער חשוב'ער רב [**הרה"צ רבי פינחס חיים שליט"א**], וואס ער רעדט געגונג פאר ענק, אויב אזוי וואס האב איך דא נאך מוסיף צו זיין... אבער דאך אפשר קען מען עפעס זאגן.

מ'זאגט ביי ברכת שבע ברכות אשר יצר את האדם בצלמו בצלם דמות תבניתו והתקין לו ממנו בנין עדי עד. קען זיין אין דעם א פשוט'ער רמז.

בשיר וקול תודה נברך בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, לכבוד ידידנו וידיד כל נפש חי, ידידנו היקר, עוסק במלאכתו נאמנה, יראת ה' חופף עליו, ידו נטויה לכל דבר טוב, עושה ומעשה בכל לב ונפש למען קדושתן וטהרתן של ישראל, מזכה את הרבים, מרביץ השקפה טהורה בלב ילדי צאן יוסף על דרך המסורה לנו, ה"ה

הרב **יוסף גרינוואלד** שליט"א

מנהל דת"ת מאנסי

לרגל השמחה השרויה במעונו בהולדת בתו למזל טוב

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים בכבוד הראוי**

**עסקני ארגון רוממתנו**

כ'האב געזען א ווארט פון איינער פון **די פוילישע רבי'ס זי"ע** אויפ'ן פסוק די וואך (בראשית לז, טו) וישאלהו האיש לאמר מה תבקש, אז דער מלאך גבריאל האט געזאגט פאר יוסף און ער לערנט דאס אויס פאר יעדע איד אז 'מה תבקש', זאלסט בעטן פונעם אויבערשטן 'מה', וואס 'מה' גייט ארויף אויף יראה אזוי ווי ס'שטייט (דברים י, יב) מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה, דאס מיינט מען אז דו זאלסט דיר צוגעוואוינען אז זאלסט אלץ בעטן אויף יראה, אתד"ק.

אבער מ'קען צולייגן צו דעם, אז ווען א איד שטעלט זיך און זאגט פאר'ן אויבערשטן, מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי וכו', דארף די ערשטע מחשבה פון א איד זיין, "רבונו של עולם! וואס ווילסטו כ'זאל יעצט טון?" ווייל אז איינער איז געטריי צו איינעם טראכט ער שטענדיג וואס וויל דער מלך מלכי המלכים פון מיר, דאס מיינט 'מה תבקש', אז א איד טראכט שטענדיג "מה תבקש, וואס וויל דער אויבערשטער פון מיר".

די מחשבה איז נאך איידער מ'מאכט זיך א חשבון, "כ'ווייס נישט, וויל איך דען טאקע טון אלעס וואס דער מלך פארלאנגט?" ווייל וויאזוי קען מען זאגן 'מה תבקש' ווען מ'ווייסט נאכנישט וואס דער מלך וועט בעטן, אויב וועט ער בעטן אז כ'זאל אים ברענגען עפעס א ביליגע מתנה וואס קאסט נאר אפאר טויזענט דאללאר וועל איך עס ברענגען, אבער טאמער בעט ער אסאך קען איך עס נישט געבן, כ'דארף זען צי דאס וואס ער בעט איז פאר מיינע כוחות, צי כ'וועל נישט ארבעטן צו שווער אויף דעם.

אבער אונז זאגן פאר'ן אויבערשטן "מה תבקש! וואס דער אויבערשטער וויל, דאס גיי איך געבן!"

דאס געבט אונז א געוואלדיגע חיזוק, ווייל צו קען דען א איד זאגן אז ער געבט אלעס פאר'ן אויבערשטן? נאר פשט איז אז מ'גייט מיט די מחשבה און די איבריגע העלפט שוין דער אויבערשטער. אז א איד איז געטריי צום אויבערשטן, און ער בעט פונעם אויבערשטן א תפלה "מה תבקש", איך בעט דיר אז וואס דער אויבערשטער וויל זאל איך קענען אויספירן, העלפט אים דער אויבערשטער אז ס'זאל טאקע זיין אזוי.

## והתקין לו ממנו בנין

דאס איז דער ענין פון והתקין לו ממנו בנין עדי עד. וואס איז דאס בנין עדי עד? וואס בויט א איד? א איד דארף זיך וואוקסטעלן און אויפבויען זיין בנין וואס וועט זיין עדי עד לאחר מאה ועשרים, דאס איז די עבודת ה' פון א איד וואס טוט זיך קיינמאל נישט ענדיגן; וויאזוי קען זיך א איד אונטערנעמען אזא זאך? דאס איז דורכדעם וואס מ'הייבט אן אביסל, און די איבריגע וועט שוין זיין 'והתקין לו ממנו בנין עדי עד', דער אויבערשטער וועט שוין העלפן, מ'דארף נאר אנהייבן.

די בחינה איז געזאגט געווארן סיי בנוגע שמחת חתן וכלה, און סיי פאר יעדעם איינעם אין זיין עבודת ה'; אז א איד שטייט אויף און ער הייבט אן לערנען א נייע מסכת, און ער טראכט צו זיך אז דאס איז צו א שווערע מסכת, אדער הייבט


# תלמוד תורה 'קהלת יעקב' דחסידי פאפא

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בלב מלא תודה והכרה, באנו בזה להביע רגשותינו הנאמנות בברכת מזל טוב כראוי וכיאות, מול ידידנו החשוב, ממצדיקי הרבים ככוכבים, מפורסם לשבח ולתהלה, מלא רוח וחכמה, עושה מלאכתו באמנה, כמעיין המתגבר משפיע מרוב בינתו על לב שומע, מיראי ה' וחושבי שמו, ה"ה

## המחנך הרב **נחמן קאהן** שליט"א

**מרביץ תורה וחסידות לילדי חמד במדה גדושה**

לרגל שמחת נישואי בתו עם החתן החשוב ירמי' לעווי הי"ו ממצויני תלמידי מתיבתא קרית פאפא בן הר"ר אלטיר ברוך מאיר לעווי הי"ו

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, ויוכל להמשיך בעבודתו בקודש ברוב אונים ואמיץ כח, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברך מעומק הלב:** שלום יוסף פריעדמאן מנהל דת"ת

ער אן לערנען א בלאט גמרא און ס'איז צו שווער, אדער איז צו שווער צו גיין יעדן טאג צו א שיעור, צי אנדערע ענינים.

אזוי אויך איז עס נוגע פאר די עסקנים פון די בית המדרש און אזוי אויך פון די אנדערע בתי מדרשים וואס אונז האבן דא, וואס מ'טוט אזויפיל פאר די פלאץ, סיי די אלע גבאים און סיי די עסקנים.

פון וואו נעמט מען די אלע כוחות צו אויפטון? און פון וואו נעמט א יונגערמאן וואס שטעלט זיך אונטער די חופה די כוחות צו פירן א שטוב וואס זאל זיין ראוי פאר השראת השכינה? ער קלערט צו זיך, "קען איך דען דאס טון? וואס וועט שוין זיין דא פון מיר?"

איז די עצה אויף דעם אלעם, אז מ'דארף אנהייבן, און דאס איבריגע העלפט שוין דער אויבערשטער. ממילא האט די גאנצע מסיבה דא א שייכות מיט שמחת חתן וכלה.

אונז אלע ווילן דאך זען נחת ביי די קינדער און ביי קינד'ס קינדער, איז די עצה אויף דעם, אז אונז טון וואס אונז קענען טון סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אונז פראבירן אבער אונז ווייסן אז אונז קענען נישט אן דעם אויבערשטן.

## אל תקרי בניך אלא בוניך

דאס מיינט והתקין לו ממנו בנין עדי עד, בנין מיינט מען אויף די מאמר חז"ל (ברכות סד.) אל תקרי בניך אלא בוניך, מ'דארף בויען, און דורך די בוניך קומט ארויס חינוך הבנים, און ס'קומט ארויס פון דעם די בתי מדרשים, און נישט נאר אז מ'דארף בויען, נאר מ'דארף עס אויך ווייטער אנהאלטן, שטעל זיך פאר אז איינער בויט אויף א שיינע דירה און ער טוט דאס נישט רייניגן, גייט עס דאך קאליע.

דאס זעלבע איז אויך ברוחניות, אז מ'האט דא אויפגעבויט אזא שיינע בית המדרש, דארף מען אודאי אויפפאסן אז די דאווענען זאל זיין אזויווי עס דארף צו זיין, פארשטייט זיך אז אלעס דארף צוגיין באופן אז מ'זאל זיך צוגעוואוינען און אליין האלטן דערביי, אז איינער וואס קומט אריין און זעט ווי מ'האלט שוין אינמיטן פסוקי דזמרה און ס'טוט זיך א דאווענען, שפירט ער שוין ממילא ביי זיך אז אן אנדערע מאל וויל ער קומען פריער און מיטדאווענען מיט'ן עולם, און צוהערן דאס ליינען, און אזוי ווייטער.

דאס זעלבע זאך איז מיט די בוניך; מיינט מען דען אז ס'גייט אזוי גרינג, אז מ'דרוקט קנעפלעך און ס'איז דא א בית המדרש? אין די וועלטליכע בעל הבת'ישע שפראך רופט מען עס 'סיסטעם', ס'איז נישט קיין סיסטעם וואס מ'דרוקט קנעפלעך און אלעס גייט פון זיך אליין, נאר מ'ארבעט אריין, און די 'סיסטעם' איז אז דער אויבערשטער העלפט... און אויך זכות אבות. דאס איז אונזער 'סיסטעם' אז מ'האט זכות אבות און דער אויבערשטער העלפט, און אונז דארפן טון וואס אונז האבן צו טון. דאס איז די גאנצע חכמה און די גאנצע סוד פון די זאך.

## ברכות לרוב

קום איך דא נאר כיהודא ועוד לקרא, אין מזרזין אלא למזורזין, ברוך ה' אז מ'ארבעט דא, און דער אויבערשטער


בשיר וקול תודה נברך בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, לכבוד ידידנו וידיד כל נפש חי, ידידנו היקר, עוסק במלאכתו נאמנה, יראת ה' חופף עליו, ידו נטויה לכל דבר טוב, עושה ומעשה בכל לב ונפש למען קדושתן וטהרתן של ישראל, מזכה את הרבים, ה"ה

הרב **יוסף גאמבא** הי"ו
סגן מנהל דת"ת

לרגל נישואי בתו תחי' עם החתן החשוב שרגא פייבל לעווי ני"ו ממצוייני
תלמידי מתיבתא קרית פאפא בן הרב בערל לעווי הי"ו

יברכו השי"ת וישפיע עליו ממעון הברכות, בני חיי ומזוני, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות על ישראל שלום, עדי נזכה לביאת ינון גואלנו ומלכנו בראשנו אמן.

**המברכים בכבוד הראוי**
**עסקני ארגון רוממתנו**

זאל העלפן אז ס'זאל טאקע זיין שמח תשמח רעים האהובים מיט שמחה, דאס איז א חסד פון אויבערשטן אז דער אויבערשטער געבט אונז שמחה, דאס טוט אויך מחזק זיין, און דאס ברענגט א איחוד אז מ'פריידט זיך צוזאמען מיט יעדעמ'ס שמחה.

ווי איך וואונטשן פארביידע מחותנים דא סיי **ר' יוסף** און סיי **הרב אהרן צבי [ברילל] שליט"א** וואס טוט דאך אזויפיל פאר די חינוך אין די תלמוד תורה, ס'איז דא אזא חשוב'ער חתן פון אזא חשוב'ע שטוב, און די כלה קומט אויך פון אזא חשוב'ע שטוב.

כ'וויל דא וואונטשן מיין חשוב'ער זון **דער רב זאל זיין געזונט און שטארק** זאל טאקע זען גרויס הצלחה וסייעתא דשמיא, און זען נחת ביי קינדער און קינד'ס קינדער.

## לבשורות טובות

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל הערן כסדר גוטע גריסן פון ענק; מ'זאגט (ברכת החודש) לשמועות טובות ולבשורות טובות, וואס איז דער חילוק פון שמועות טובות און בשורות טובות? שמועות איז מרחוק און בשורות איז פונדערנאנט, פון מאנסי הערט מען נאר בשורות טובות ס'איז נישט קיין שמועות, מ'הערט כסדר גוטע גריסן, ס'איז נישט אזוי מרחוק.

ווען מ'האט געמאכט די הנחת אבן הפינה פאר שיכון סקווירא האט **כ"ק האדמו"ר מסקווירא זצ"ל** געזאגט בדרך צחות, "ברוקלין קער שוין צו סקווירא"... אזא מילתא דבדיחותא האט ער געזאגט. לעניננו, ס'איז אלעס איינס, ס'איז נאנט, מ'הערט אלעס; היינט איז דאך א קליינע וועלט, אבער אפילו חוץ מזה איז עס נאנט, און מ'הערט כסדר גוטע גריסן.

זאל דער אויבערשטער העלפן אז ס'זאל זיך מערן שמחות ביי אידישע קינדער, און מ'זאל שוין זוכה זיין צו די גרויסע שמחה פון עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה, בב"א.

ישיבה קטנה
קהלת יעקב פאפא
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



אם אין קמח אין תורה

מעומק הלב מאחלים אנו מקרב לבנו ברכת מזלא טבא חמה ולבבית, למעלת כבוד ידידנו המשובח, אדם היקר באנשים, שמו הטוב נודע ומפורסם לשם ולתהלה, איש האשכולות ורב הפעלים, נחמד ונעים, לו נאה ויאה כל שבח ותהלה, מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, ובמיוחד עינו ולבו כל הימים למען הבחורים החשובים שלא יחסר המזג, ובלב מלא התמסרות עוסק בעבודת הקודש של "געבן צו עסן פאר אידישע קינדער", וכל הנותן בעין יפה הוא נותן, מסור ונאמן לכל קדשי בית חיינו בכל עת ועונה, ה"ה

העסקן הנמרץ הר"ר **קלמן פישער** הי"ו
**מבשל נאמן דישיבתנו הק'**

לרגל השמחה השרויה במעונו באירוסי בנו למזל טוב החתן החשוב משה נ"י מבחירי תלמידי ישיבתנו הק'

**ובהאי זימנא נעלה על נס פעולותיו המרובים, מה שפועל ועוסק להכין לכבוד הבחורים מדי יום ביומו אכילה ושתיה כדת של תורה, וכן בעת מסיבות מיוחדות, ואת הכל עושה בפנים מסבירות ובלב מלא התמסרות, כי עבודת הקודש עליו!**

יהי רצון שיזכה לרוות רוב תענוג ונחת מכל יו"ח, מתוך שלוות הנפש והרחבת הדעת, ויתברך בשפע ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, ויזכה להמשיך עם פעלים וחיילים לתורה וחסידות, עד ביאת ינון גואלנו, ומלכנו בראשנו, במהרה בימינו אמן ואמן.

**המברכים ברגשי גיל והוד**
צוות הישיבה     בחורי הישיבה

# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ״ק מרנן רבותינו הק׳ קמא קמא דמטא לידן

**ורפא ירפא**

### מרשימות המשב״ק הרה״ח ר׳ **יחזקי׳ קריצלער** הי״ו (לאנדאן):

**כ״ק מרן זצוק״ל** סיפר פעם תחת אחד השיחים, שפעם כשנחלה אביו **כ״ק מרן הויגד יעקב זי״ע**, ביקר אצל הרופא, והרופא לא מצא תרופה למחלתו, אולם אמר למרן הויגד יעקב: ״פאר אזעלכע אידן האב איך שוין מורא צו זאגן החלטות״, וסיפר לו הרופא שלפני איזה שבועות היה פה אחד מהאדמורי״ם, ואמרתי לו שאין תרופה למחלתו, ואחר מספר שבועות חזר אותו אדמו״ר חזק ובריא, ואמר לי: ״זעסט דאך אז האסט נישט געזאגט דעם אמת״... וסיים הרופא: ״פון דעמאלטס האב איך זיך מקבל געווען אז פאר אזעלכע אידן זאג איך נישט קיין החלטות, ווייל איך בין שוין פארשעמט געווארן״.

**בחור׳ישע חידושים**

### סיפר מוה״ר **יעקב יחזקי׳** (בר״א) **גרינוואלד** הי״ו:

**שמעתי** מפה קדשו של **כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**, שפעם שלח **כ״ק מרן הויגד יעקב זי״ע** את בנו **כ״ק מרן זצוק״ל** לבחון בחור אחד בישיבה, לאחר הבחינה אמר מרן ז״ל לאביו מרן הויגד יעקב שאינו מרוצה מידיעותיו של הבחור, ״ווייל ער זאגט בחור׳ישע חידושים״... נענה מרן הויגד יעקב: ״נו? אלס בחור זאגט מען בחור׳ישע חידושים, און אלס יונגערמאן זאגט מען וואס פאסט פאר א יונגערמאן״...

**ורוממנו מכל לשון**

### סיפר הרה״ח ר׳ **אברהם יחיאל קרויס** ז״ל (מאנטרעאל):

**שמעתי** מחותני **הרה״ח ר׳ אהרן טויבער ז״ל** שבשנים קדמוניות בעת שהיה **כ״ק מרן זצוק״ל**

## כולל ׳קהלת יעקב׳ דחסידי פאפא

**בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**

נשגר בזה ברכת מזל טוב מעומק לב ונפש, מול ידידנו הנחמד, איש חי ורב פעלים, שמו הטוב הולך לפניו, צדיק בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו, נעים ונחמד לכל, גדול בתורה ובהוראה, אוהב תורה בכל לבו ונפשו, ראש וראשון לכל קדשי הכולל, ה״ה

### הרה״ג ר׳ **יוסף דייטש** שליט״א

**חבר הנהלת הכולל ומחשובי רבני הכולל**

לרגל השמחה השרויה במעונו בהולדת בנו למזל טוב

**ברכת מזל טוב לכבוד אביו היקר הר״ר משה שמואל דייטש הי״ו עסקן נמרץ למען הכולל רבות בשנים ולכבוד חותנו החשוב הרב יודא ארי׳ ווייס שליט״א פטרון ארון קודש החדש והמפואר בהיכל כוללנו ההולך ונגמר בימים אלו ברוב פאר והדר**

ואנו תפלה שזכות רבותינו הק׳ וברכות הקודש של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א יעמוד לו ולזרעו אחריו להתברך בכל מילי דמיטב, חיי ארוכי, בני ברוכי, ומזוני רוויחי, וסייעתא דשמיא בכל אשר יפנה, וכל אשר הוא עושה ה׳ יצליח.

**המברכים מקרב הלב:** רבני ואברכי הכולל **ג״א מצטרפים:** יוסף זינגער, הערשל אויש; חברי הנהלת הכולל

באנטווערפן דרש מרן ז"ל מהבחורים להתלבש בדרגה מסויימת בלבוש חסידי, אשר בימי מגוריו בעיר פאפא לפני השואה לא דרש זאת מהבחורים. לשאלת חותני ר' אהרן טויבער אל מרן ז"ל אודות זה, אמר לו מרן ז"ל: "א חסיד'ישע בחור דארף גיין מיט א דרגה העכער ווי די בעלי בתים; אינדערהיים אז די בעלי בתים זענען נישט געגאנגען אזוי, איז געווען געונג אז די בחורים גייען איין דרגה העכער דערפון, אבער יעצט אז די בעלי בתים גייען שוין אויך אזוי, איז דאס נישט גענוג".

## יום החופה

### סיפר הרה"ח ר' **שמחה בונם אויש** הי"ו:

**הייתי** נוכח פעם בשנים קדמוניות כשכ"ק **מרן זצוק"ל** השתתף בשמחת החתונה אצל אחד מאנשי שלומינו, ובשעת הקבלת פנים הבחין מרן ז"ל שהחתן אינו מתעורר כראוי ליום גדול וקדוש כזה, ולפני שיצאו להחופה לחש לו מרן ז"ל באזנו: "יעצט דארף מען אויסנוצן די צייט", כששמע החתן הדברים יוצאים מלב טהור של צדיק, פרץ בבכי, וכך עמד על מקומו מספר דקות והזיל דמעות.

## לפניו נעבוד ביראה

### סיפר הרה"ח ר' **לייבוש רובינשטיין** ז"ל:

**פעם** שאלתי את פה קדשו של **כ"ק מרן זצוק"ל** בפירוש התפלה שאנו מתפללים בליל שב"ק בברכת מגן אבות, לפניו נעבוד ביראה ופחד, שלכאורה מדוע בחול אנו אומרים בכל יום 'עבדו את ה' בשמחה' (בפרק מזמור לתודה), ובשבת אנו אומרים לפניו נעבוד ביראה ופחד, ולכאורה היה צריך להיות להיפך.

**השיב** לי מרן ז"ל: "אינדערוואכן אז איינער האט א ביזנעס און ס'איז אים נישט געלונגען, האט ער א שברי לב דערפון, דארף מען וויסן אז מ'טאר נישט זיין צעבראכן נאר עבדו את ה' בשמחה, אבער שבת ווען אלעס איז פיין צוגעגרייט דארף מען געדענקען אז לפניו נעבוד ביראה ופחד".

## נסיעת אבי הכלה לאויפרוף

### סיפר המשב"ק הרה"ח ר' **יחיאל האלפערט** שליט"א:

**הגה"צ רבי זלמן אונגער זצ"ל** שידך את בנו **הרה"ח ר' משה ז"ל** עם בת **הגה"ח ר' שמעון חיים לאווענשטיין ז"ל**. שמחת האויפרוף התקיימה בשיכון סקווירא, ואבי הכלה ר' שמעון חיים שאל את חוות דעת קדשו של כ"ק מרן זצוק"ל אם לנסוע על שבת לשיכון סקווירא להשתתף אצל האויפרוף, אולם מרן ז"ל אמר לו: "איר דארפט נישט פארן צום שבת באוואפרן".

**גם** מרן ז"ל בעצמו לא נסע לשבת אויפרוף של חתנו **הגה"צ אב"ד לימנוב שליט"א**, רק אצל חתנו הגדול **הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א** שהתקיימה בעיר וויליאמסבורג, אז התפלל מרן ז"ל בביהמ"ד של דודו **הגה"ק מצעהלים זצוק"ל** להשתתף בשמחת האויפרוף, אולם לא נסע לעיר אחרת בשביל זה.

מבקשים אנו מאנ"ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרן רבותינו הק' זיבלחט"א כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי"ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

כל הזכיות שמורות ל'מערכת פאפא'
718.480.7872
להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 > 0**

עלוני בקודש פנימה
מערכת פאפא

**ארייינצולייגן אייער מודעה אדער 'מזל טוב' פארבינדט אייך אויף:**
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג